# דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פֿון ייִדישע פֿרויען

פּועה ראַקאָווסקי

## אַ כּלל־טוערין און אַ פֿעמיניסטקע

דן ווייַנשטאָק / רעננה, ישׂראל

לעצטנס האָב איך זיך געלערנט דעם קורס „וועלטלעכע ייִדן“ מיט ד״ר יונית עפֿרונען (עפֿראָנען). די טעמע פֿון מייַן סיום־אַרבעט אין דעם קורס איז געווען „פּועה ראַקאָווסקיס סעקולאַריזיר־פּראָצעס“, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ד״ר יעל דקל (דעקעל).

ווער איז דאָס געווען פּועה ראַקאָווסקי?

פּועה ראַקאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865 אין ביאַליסטאָק בייַ אַ פֿרומער משפּחה, אָבער האָט שוין פֿון אַ יונגן עלטער אָן אַנטוויקלט אַ קריטישן קוק און געספֿקט אין דער עקסיסטענץ פֿון אַ גאָט. צו זיבעצן האָט ראַקאָווסקי קעגן איר ווילן חתונה געהאַט צום ערשטן מאָל דורך אַ שידוך און שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט נאָך צוויי מאָל. אין איר לעבן האָט זי דורכגעלעבט אַ סך טראַגעדיעס. איר צווייטער מאַן, איר טאָכטער און אירע צוויי אייניקלעך זייַנען ניפֿטר געוואָרן אין אַ יונגן עלטער און איר ברודער און שוועסטער האָבן זיך אָנגעטאָן אַ מעשׂה.

פּועה ראַקאָווסקי האָט זיך פֿאַרנומען ס׳רובֿ פֿון איר לעבן מיט דערציִונג, האָט איניציִירט דאָס אויפֿשטעלן פֿון שולעס און פֿאַרשיידענע באַנייַערישע דערציִונג־רעמען און האָט אָנגעפֿירט מיט כּלערליי סאָרטן שולעס. זי איז אויך געווען אַ באַקאַנטע כּלל־טוערין מיט אַן אַוואַנסירט פֿעמיניסטיש באַוווסטזייַן און האָט אָפֿט אָנטייל גענומען אין פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן איבער גאַנץ אייראָפּע. ס׳רובֿ פֿון איר לעבן האָט זי געלעבט אין וואַרשע, אָבער זי האָט אויך געלעבט אין ארץ־ישׂראל, אַרייַנגערעכנט די לעצטע 20 יאָר ביז איר פּטירה אין 1955.

מער פּרטים וועגן פּועה ראַקאָווסקין און איר אינטערעסאַנט לעבן קען מען געפֿינען אין אַן אַרטיקל פֿון פּראָפֿ׳ פּאַולאַ הייַמאַן, „דאָס אַנטדעקן פּועה ראַקאָווסקין“, פּובליקירט אין 2004 אויף ענגליש, ווי אויך אין דער טעזע־אַרבעט פֿון ד״ר מרים סאַמעט, „דאָס לעבן פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערין פּועה ראַקאָווסקי 1955-1865“, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין 2010 אויף העברעיִש.

ראַקאָווסקי האָט אויך געשריבן און איבערגעזעצט אויף ייִדיש, למשל, עריך מאַריאַ רעמאַרקס *אויפֿן מערבֿ נישטאָ קיין נייַעס* און די אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון טראָצקי. זי האָט אין מיזרח־אייראָפּע ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געדרוקט אַרום 20 אַרטיקלען אויף ייִדיש אין דער ייִדישער פּרעסע (*דער מאָמענט*, *דאָס ייִדישע פֿאָלק*, *הייַנט* און אַנדערע). אַ טייל פֿון די אַרטיקלען קען מען געפֿינען אויף דער אינטערנעץ, אָבער זיי זייַנען נישט גרינג צו לייענען צוליב דער שלעכטער קוואַליטעט פֿון דער סקאַנירונג, ווייַל זיי זייַנען נישט געשריבן געוואָרן לויט די סטאַנדאַרטנע שפּראַך־כּללים און צוליב די דייַטשמעריזמען.

אָט איז איינער פֿון די אַרטיקלען וואָס פּועה ראַקאָווסקי האָט געשריבן און פּובליקירט אין דעם וואַרשעווער *הייַנט*, דעם 27סטן אַפּריל 1923 – מיט קייַלעכדיקע 100 יאָר צוריק. דער אַרטיקל פֿאַרנעמט זיך מיט דער ערשטער *קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישע פֿרויען*, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין ווין אין יאָר 1923 מיט פֿאָרשטייערינס פֿון אַ סך לענדער. פֿון פּוילן גופֿא, דאָס לאַנד מיט דער גרעסטער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָבן אָבער נישט אָנטייל גענומען קיין שום פֿאָרשטייערינס. די מחברטע אַנאַליזירט אינעם אַרטיקל די סיבות פֿאַר דעם דאָזיקן מצבֿ.

כאָטש דער אַרטיקל איז איבערגעשריבן געוואָרן לויט די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג כּדי מע זאָל אים קענען גרינג לייענען, האָט מען פֿאָרט געהאַלטן דעם סטיל פֿון אירע ווערטער.

האָטס הנאָה!

פֿון 5טן ביזן 13טן מייַ קומט פֿאָר אין ווין אַן אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פֿון ייִדישע פֿרויען.

אין דעם דאָזיקן קאָנגרעס באַטייליקן זיך דעלעגירטע פֿון 13 לענדער ווי אַמעריקע, ענגלאַנד, דייַטשלאַנד, פֿראַנקרייַך, עסטרייַך, בעלגיע, איטאַליע, די שווייץ און אַנדערע. די טאָג־אָרדענונג פֿון קאָנגרעס, וועלכער וועט געדויערן גאַנצע 7 טעג, איז זייער אַ גרויסע. זי נעמט אַרום פֿאָלגנדע פֿראַגעס: רעליגיע און דערציִונג, שוץ פֿאַר קינדער און פֿרויען, אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירטער קאַמף פֿאַר מענטשלעכע רעכט, קינדער־פֿאַרזאָרגונג, עפֿנטלעכע געזונטהייט, אַרבעטער־פֿאַרזאָרגונג און אַזוי ווייַטער.

זייער אַ גרויס אָרט פֿאַרנעמט די פּראָבלעם פֿון עמיגראַציע און אימיגראַציע און אַלע זייַנע פֿאָרמען. צווישן די רעפֿערענטן פֿיגורירן באַרימטע כּלל־טוער אויפֿן געביט פֿון סאָציאַלער הילפֿסאַרבעט ווי אַניטאַ מילער, מיס ראַזאָווסקי און ה׳ העלד.*

*אַניטאַ מילער, סעסיליאַ ראַזאָווסקי און אַדאָלף העלד זייַנען געווען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן און ייִדישע כּלל־טוערס אין אייראָפּע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די צוויי פֿרויען זייַנען געווען פֿון די וויכטיקסטע קעמפֿערס פֿאַר פֿרויענרעכט אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.



פּ. ראַקאָווסקי אויף אַ סעמינאַר פֿאַר אַרבעטערינס אין דעם „בית החלוצות“ אין תּל־אָבֿיבֿ, 1938.

אין דער ייִדישער פּרעסע זענען אַפֿילו געווען אַ פּאָר מאָל קליינע נאָטיצן וועגן דעם דאָזיקן קאָנגרעס. זיי זענען אָבער געווען זייער נישט קיין גענויע. ערשט לעצטנס האָבן מיר באַקומען גענויע ידיעות.

די אַמעריקאַנער ייִדישע פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, די אייגנטלעכע איניציאַטאָרין פֿון דאָזיקן פֿרויען־קאָנגרעס, האָט געשיקט אַ שליח־מיוחד, איינע פֿון אירע מיטגלידערינס, וואָס פֿאָרט שוין אַרום אַ געוויסע צײַט פֿון לאַנד צו לאַנד און אַגיטירט די עקסיסטירנדיקע פֿרויען־פֿאַרבאַנדן צו שיקן צום קאָנגרעס דעלעגירטע מיט שטים־ און באַראַטונגס־רעכט. אויף איר רײַזע פֿון לאַנד צו לאַנד איז די אַמעריקאַנערין אָנגעקומען אויך קיין וואַרשע. אירע פֿרײַנד, אונדזערע אַמעריקאַנער פֿאַרזאָרגער, האָבן איר אָנגעוויזן די ריכטיקע אַדרעסן צו וועמען זיך צו ווענדן און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אָנטייל צו נעמען אין אַ באַראַטונג מיט דער אַמעריקאַנער מיס און אַ צענדליק פֿאָרשטייערינס פֿון פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין וואַרשע, ווײַל קיין ייִדישע פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס זענען דאָך בײַ אונדז אין פּוילן נישט בנימצא. די סאָציאַליסטינס זענען קעגן דעם, ווײַל זיי זענען פּרינציפּיעל קעגן באַזונדערע פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס; און די בירגערלעכע פֿרויען באַשעפֿטיקן זיך ס׳רובֿ מיט ריין פֿילאַנטראָפּישער אַרבעט און זיי פֿאַרשטייען בכלל נישט די וויכטיקייט און די באַדײַטונג פֿון אָרגאַניזאַציע.

נישט גאַנץ לײַכט איז אונדז אַפֿילו אָנגעקומען זיך צונויפֿצורעדן מיט דער אַמעריקאַנער פֿאָרשטייערין, דאַכט זיך אַ פּשוטע זאַך; מיר האָבן אַ לשון, וואָס מיר אַלע פֿאַרשטייען עס, אַפֿילו די אַמעריקאַנערין גופֿא האָט זיך מודה געווען בחרפּתה, אַז זי פֿאַרשטייט ייִדיש – ווי פּאַסט עס אָבער פֿאַר ייִדישע „פֿאָרשטייערינס“ צו רעדן „זשאַרגאָן“ – האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן להבֿדיל גאָר ווי אויף אַ קאָנגרעס. מע רעדט פּויליש, מע רעדט אַ מכּלומרשט דײַטש, מע זעצט איבער אויף ענגליש...

אויף אונדזער פֿראַגע פֿאַר וואָס האָט מען זיך נישט פּראָסט־פּשוט געווענדט שריפֿטלעך צו די פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס אַנשטאָט ספּעציעל אַרומצופֿאָרן איבער דער וועלט – און וואָס האָט מען עפּעס וואַרשע אין גאַנצן אויסגעמיטן און זיך דערמאָנט אַ מינוט פֿאַר „שולרופֿן“ [טראַדיציאָנעל: דאָס רופֿן און קלאַפּן פֿונעם גבאי ערבֿ־שבת, ערבֿ־יום־טובֿ און אויך קאַיאָר ווי אַ דערמאָנונג צו קומען דאַוונען אין שול. דאָ ניצט די מחברטע דעם אויסדרוק מער פֿיגוראַטיוו מיטן מיין „אין דער לעצטער רגע“ - רעד׳], האָט מען אונדז דערקלערט אַז לויט דער אָנווײַזונג פֿון אירע אַמעריקאַנער פֿרײַנד האָט זיך די פֿאָרשטייערין געווענדט שריפֿטלעך צו פֿיר באַרימטע פֿרויען־פּערזענלעכקייטן אין וואַרשע. דרײַ פֿון זיי האָבן בכלל געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו איגנאָרירן די אויפֿפֿאָדערונג; איינע האָט יאָ באַערט מיט אַ תּשובֿה, האָט זי אָבער געמאָלדן, אַז זי איז אַפֿילו אַ ייִדישקע, נאָר אין איר לעבן האָט זי זיך נאָך מיט קיין ייִדישע אָנגעלעגנהייטן נישט אינטערעסירט.

דאָס טרויעריקע אין דער גאַנצער געשיכטע איז דער פֿאַקט וואָס פֿראַגעס ווי דעקאָנסטרוקציע, עמיגראַציע וואָס זענען פֿאַר אונדז ייִדן אין פּוילן די ברענענדיקסטע, אָנגעווייטיקטסטע, וועלן רעפֿערירט ווערן דורך פּערזאָנען וואָס באַקומען דעם מאַטעריאַל אויסשליסלעך פֿון די דזשוינט־באַאַמטע און זיי האָבן פֿאַקטיש קיין אַנונג נישט פֿון דעם וואָס בײַ אונדז קומט פֿאָר און במילא אויך קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם וואָס דאַרף אייגנטלעך געטאָן און געשאַפֿן ווערן.

נאָך טרויעריקער איז אָבער דאָס, וואָס די ייִדישע פֿרויען אין פּוילן וועלן אויפֿן דאָזיקן קאָנגרעס אין גאַנצן נישט זײַן פֿאַרטרעטן, ווײַל זיי זענען נישט אָרגאַניזירט, ווײַל אין גאַנץ פּוילן עקסיסטירט פֿאַקטיש נישט בײַ הײַנטיקן טאָג קיין שום ייִדישע פֿרויען־אָרגאַניזאַציע.

אפֿשר וועלן ענדלעך די ייִדישע פֿרויען אין פּוילן פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין לאַנג צײַט אַ טראַכט צו טאָן ערנסט וועגן שאַפֿן אַזאַ אָרגאַניזאַציע?




אַ מיטגלידער־קאַרטל פֿונעם לובלינער ייִדישן פֿרויען־פֿאַראיין, 1935. אַ דאַנק דעם ייִוואָ־אַרכיוו.